1456




## זאל שוין אפגעשטעלט ווערן די מחלוקת לשם שמים

לכבוד מערכת די "ברוקלין אדוואקאט" א גרויסן ישר כח פאר אייער שיינעם אויסגאבע, וואס ערשיינט וואכענטליך שוין דריי וואכן, וואס דאס איז דאך שוין א חזקה, און איך קען אייך זאגן אז דאס א שיינע און גוטע חזקה, דעריבער טוהט מיר און אלע בארא פארקער איינוואוינער א טובה, און זייט מפרסם מיינע קורצע שורות.

ווי באוויסט קאכט ביי אונז אין שטאט שוין באלד א האלבע יאר צייט, איבער א הלכה'דיגע מחלוקת, וואס מען דארף אפילו נישט מפרסם זיין די נושא, אבער עס איז שוין העכסט צייט אז דאס זאל אפגעשטעלט ווערן.

אין די חסידישע מסורה איז באקאנט אזא ערציילונג, ווי באוויסט האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע ממנה געווען אלס רב אין צאנז נאך בחייו, זיין זוהן הרה"ק רבי אהרן, וואס איז אנגערופן געווארן דער קרייז רב.

נאך די פטירה פון הייליגן צאנזער רב זי"ע, איז בנו הגדול דער הייליגער שינאווער רב זי"ע, געקומען זיך באזעצן אין צאנז, טענה'נדיג אז בדין ירושה קומט אים די צאנזער רבנות, אזוי אז עס איז געווען דארט א שטיקל מחלוקת וואס איז זיכער געווען לשם שמים, עס איז געווען וואס האבן געהאלטן מיט'ן הייליגן שינעווער רב, אנדערע האבן געהאלטען מיט'ן הייליגער קרייז רב, ווי עס מאכט זיך א אידישער מחלוקת, בערך א יאר נאכ'ן פטירה פון הייליגן צאנזער רב, האט א שרייבער באשריבן די גאנצע מחלוקת אין א גואישע צייטשריפט, פארשטייט זיך נישט נעמענדיג קיין שטעלונג אויף קיין שום זייט.

אבער ווען דאס איז אנגעקומען צו די אויערן פון הייליגן שינעווער רב, האט ער פשוט אויפגעצטיטערט, און זיך אנגערופן: אויב עס האלט שוין אזא מצב אז די גוים נעמען שוין א שטעלונג אין דעם, מוז זיין אז דאס טויג שוין נישט, און ער האט זיך אויפגעהויבן פון צאנז און זיך אינגאנצען אוועקגעצויגן פון דארט, און זיך טאקע נישט גערופן צאנזער רב... זי"ע.

לעניננו, ווי לאנג עס קאכט זיך נאך דער מחלוקת לשם שמים, און די בתי מדרשים, כוללים, בתי הוראה, איז דאס זיכער אז מען קריגט זיך אויף הלכה, אבער אויב, קומט דאס שוין אן צו די גואישע פרעסע, און די גואישע ראדיא רח"ל, ווי עס האט פאסירט דעם פארגאנגענעם פרייטאג, מוז מען שוין זעהן דאס צו פארעכטן...

עס איז פשוט א חרפה און א בושה צו זעהן, ווי די גרויסע פרוסטיזשפולע ניו יארקער צייטונג, וואס ווערט געליינט

(פארזעצונג אויף זייט 13)

(פארזעצונג פון זייט 5)

טעגליך, דורך הונדערטער טויזענטער גוים, האט אוועק געגעבן כמעט דעם חשוב'סטען פלאץ פאר דעם נושא, און דאס געשריבן בכל פרטיה ודוודקיה, פארשטייט זיך אן נעמען א שטעלונג, ווי אנדערע זאגן, עס איז נישט געפערליך דער טיימ'ס האט זיך דאך פאר קיינעם נישט אנגענומען, עס איז פשוט א געלעכטער צוהערן דעם נארישן געדאנק, דער גואישער שרייבער, זאל נאך נעמען א שטעלונג אין דעם אויך??

ווי זענען מיר אנגעקומען ליידער?.

עס מעג שוין אויפגעהערט ווערן בכלל די אלע צעטלעך, פאשקעווילן, זה בכה וזה בכה, עס שאדט פאר די חינוך פון אונזערע קינדער, און מען קען רואיג זאגן אל תחטאו בילד!.

פארשטייט זיך אז איך מיין נישט דא די דעת רבנים גדולים וצדיקים ווייל פון זייער דעת תורה לעבן מיר, על פיהם אנו חיים, זאלן זיי ווייטער פארשפרייטן דעת תורתם הק' זה בכה וזה בכה, אבער די אלע פּאשקעווילן וואס ווערן ארויסגעגעבן דורך אנשים קלים פוחזים וריקים פון ביידע צדדים, עס איז פשוט א גרויל און א עקל, ובפרט וואס מען האט זיך לעצטענ'ס געטרויעט ארויסצוגעבן פאשקעווילן און קונטרסים פון גדולי הפוסקים מאכענדיג ליצנות פון דעת תורתם הק', עס איז דאך א חרפה און א בושה ווי מען איז אנגעקומען...

איך מיין נישט חלילה קיין שום צד, איך שרייב פשוט מתוך פנימיות לבי, אדרבה זייט מפרסם מיינע רייד.

מיט דאנק

משה יחזקאל נ.

מחנך בעיר התורה בארא פארק

(נאמען ליגט אין די מערכת)